Publié par l'Association pour l'Étude et la Diffusion de la Culture Yiddish et la Bibliothèque Medem

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿאַרן ייִדיש-לימוד און פֿון דער מעדעם-ביבליאָטעק

יאָר 4 , נומער 5 (20)

סיון תשנ״ט/יוני 1999

# ייִדישלאַנד אין ברעטאַניע

אַ רעטעניש : וואָס טוט אַ סטודענט ווען ער ווערט מיד פֿון די שטודיעס און ער וויל זיך פֿאַרווײַלן[1] ? ער פֿאַרבייגט[2] די קורסן און גייט אין קינאָ. און וואָס טוט אַ ייִדיש־סטודענט זומערצײַט ווען ס'איז ניטאָ מער קיין קורסן ? ער פֿאָרט אַוועק אין ברעטאַניע אויף אַ ייִדישן קינאָ־פֿעסטיוואַל !

אַן אמתער פֿעסטיוואַל ? יאָ ! ער האָט שוין אַ לאַנגע טראַדיציע און איז גאַנץ באַקאַנט אַלע די וואָס אינטערעסירן זיך מיט קינאָ. זײַן ספּעציפֿישקייט ליגט אין דעם וואָס ער גיט זיך אָפּ[3] מיט פֿילמען פֿון און וועגן אַלערליי מינאָריטעטן אַרום דער וועלט, יעדעס יאָר אַן אַנדערע. הײַיאָר איז זײַן טעמע טאַקע „ייִדישלאַנד“. ס'איז שוין 22 יאָר ווי דער פֿעסטיוואַל קומט פֿאָר יעדן זומער אין דעם שטעטל דואַרנענע[4], אַ קליינעם פּאָרט בײַם ברעג אַטלאַנטיק אין דער פֿראַנצייזישער פּראָווינץ ברעטאַניע. די ברעטאָנען זענען אויך אַ מינדערהייט, מיט אַן אייגענער שפּראַך, וואָס איז לאַנג געווען אַן אונטער־געדריקטע. ייִדישקייט, ברעטאָנישקייט, דער זעלביקער קאַמף ? אַ קאָמפּליצירטער ענין[5]...

דער פֿעסטיוואַל איז געגרינדעט געוואָרן אין 1978 פֿון אַ גרופּע „ברעטאָניסטן“ וואָס זענען אויך געווען הייסע ליבהאָבערס פֿון קינאָ. מיט אַ שטרעבונג[6] אויסצודריקן זייער אייגענע אידענטיטעט און צו פֿאָדערן אָנערקענונג[7] פֿאַר זייער אייגענער קעלטישער שפּראַך און קולטור, האָבן זיי גיך אָנגענומען דעם פּרינציפּ צו אָנערקענען פֿרעמדע פֿעלקער און פֿאַרצושטעלן די שטרעבונגען פֿון אַנדערע מינאָריטעטן. אויפֿן ערשטן פֿעסטיוואַל איז די טעמע געווען קוועבעק און די פֿראַנצייזיש רעדנדיקע מינדערהייט פֿון קאַנאַדע. אין ווײַטערדיקע יאָרן האָט מען באַהאַנדלט אַ גאַנצע ריי[8] פֿעלקער פֿון גאָר דער וועלט : צווישן אַנדערע, די קעלטישע פֿעלקער (אירלענדער, שאָטלענדער, ווייליזער[9]), די אינדיאַנער און שוואַרצע מינאָריטעטן פֿון אַמעריקע, די אַבאָריגענען פֿון אויסטראַליע, ציגײַנער, פּאַלעסטינער, באַסקן, קאַטאַלאַנער, די אימיגראַציע־פֿראַגע אין אַלגעמיין... און אַזוי ביסלעכווײַז אָנגעקומען צום ייִדישן פֿאָלק, ווי סע שטייט געשריבן אין דער בראָשור פֿון פֿעסטיוואַל : „אַ פֿאָלק אָן אַ לאַנד, וואָס זייער איינציקע טעריטאָריע איז אַ שטייגער לעבן און אַ שטייגער טראַכטן“.

טאָ וואָס טוט מען, וואָס זעט מען אויף אָט דעם איינוואָכיקן פֿעסטיוואַל פֿון 10טן ביז 17טן יולי ? ערשטנס קלײַבט מען אויס וואָס מע וויל זען פֿון די הונדערט פּראָגראַמירטע פֿילמען : עס זענען דאָ אַלטע קלאַסישע ווערק אין ייִדיש (*דער דיבוק*[10], *ייִדל מיטן פֿידל*), דאָקומענטאַרן אַלטע און נײַע (*דער רוף צום לעבן*, וועגן די ייִדישע יתומים־היימען[11], געדרייט גלײַך נאָך דער מלחמה ; *עליס אײַלאַנד*, די פּאָעטישע שילדערונג[12] געמאַכט אין 1978 פֿאַר דער פֿראַנצייזישער טעלעוויזיע פֿון ר. באָבער און זש. פּערעק ; דער נײַער פּוילישער פֿילם *שטעטל*, פֿון מ. מאַזשינסקי) און פּאָפּולערע פֿילמען פֿון מאַרקס (די ברידער) ביז וווּדי אַלען און בעניני.




**די שיף פֿון דער געפּײ״ל פֿאָרט איבער די וואַסערן פֿון ברעטאַניע**
**(צייכענונג פֿון ל. בערמאַן)**

אַ חוץ קינאָ זענען דאָ אַ גאַנצע ריי אַקטיוויטעטן, רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס, אַ גאַנצער טאָג אָפּגעגעבן דער ייִדישער ליטעראַטור. ס'איז אויך דאָ מוזיק – ייִדישע מוזיק אַוודאי (מיט כּלי־זמרים, די זינגערינס טאַלילאַ, מישעל טויבער און אַנדערע) און אויך טאַנץ און געזאַנג פֿון ברעטאַניע אויף אַן אמתן „פֿעסט־נאָז“[13], אַן „אָוונט־פֿאַרברענגענס“ קען מען עס איבערזעצן אויף ייִדיש.

אַ חבֿרטע פֿון אַמעריקע האָט אונדז אָנגעזאָגט אַז זי קלײַבט זיך[14] צו קומען. פֿון אַזוי ווײַט, פֿרעגן מיר, מיינסט אַז ס'איז כּדאַי ? אַוודאי איז עס כּדאַי, זאָגט זי. ווו נאָך קען מען געפֿינען ים, זאַמד און זון (אַ מאָל), און (זיכער) „קרעפּ ברעטאָן“ און ייִדישקייט ?

1. s'amuser/have some fun ; 2. sèche les cours/cuts clas ; 3. traite de/deals with ; 4. Douarnenez (Finistère) ; 5. INYEN sujet/subject ; 6. aspiration ; 7. reconnaissance/recognition ; 8. toute une série/a whole range ; 9. Galois/Welsh ; 10. DIBEK Le Dibouk/The Dybbuk; 11. YESOYMIM... maisons d'enfants/orphan homes ; 12. description ; 13. Fest Noz (breton) ; 14. גרייט זיך .

טעאַטער

# אפֿשר חלומען[1]

**אַ נײַע פּיעסע פֿון זשאַן קלאָד גרומבערג אין וועלכער עס פֿאַרמישן זיך שעקספּיר, קאַפֿקאַ און פֿרויד**

נאָך דער פּיעסע „דער וואַרשטאַט“, פֿאַר וועלכער דער מחבר[2] האָט געקראָגן די „מאָליער־פּרעמיע“ פֿאַרן בעסטן דראַמאַטורג, האָט מען געקענט זען אויף דער פּאַריזער בינע זײַן נײַ ווערק „אפֿשר חלומען“. די פּיעסע איז זייער אַ רײַכע און אינטערעסאַנטע, גוט אינסצענירט[3] און פּרעכטיק געשפּילט. געבויט אויף אַן אומגעוויינטלעכן אופֿן, פֿירט זי אונדז אַרײַן אין דער אומראַציאָנעלער וועלט פֿון חלומות. פֿון אָנהייב ביזן סוף שטייט אַ בעט אויף דער בינע און דער הויפּטהעלד, זשעראַר, בלײַבט די גאַנצע צײַט אָנגעטאָן אין אַ געשטרײַפֿטער פּיזשאַמע. זשעראַר איז אַן אַקטיאָר וואָס דאַרף שפּילן האַמלעט. די ראָלע איז אַ שווערע און לאָזט אים ניט צו רו אַפֿילו בײַ נאַכט. אין די קאָשמאַרן זײַנע זעט ער די העלדן פֿון שעקספּיר – זשערטרוד, זײַן מאַמע, די חבֿרים ראָזענקראַנץ און גיל־דנשטערן, אָפֿעליאַ וואָס זעט אויס מאָדנע מיט די בלומען אין די האָר און פּאָלאָניוס וועמען ער הרגעט[4] אַפֿילו צוויי מאָל.



„שטאַרבן ? שלאָפֿן ? אפֿשר חלומען...“
וויליאַם שעקספּיר, האַמלעט 3, 1.

נאָר ער וועט זיך באַלד דערוויסן אַז אַלץ וואָס ער חלומט ווערט קאָנטראָלירט פֿון אַן אומבאַקאַנטער מאַכט וואָס וועט אים מישפּטן[5] פֿאַר זײַנע פֿאַרברע־כערישע[6] חלומות. דאָ גייט ער אַרײַן אין דער אַבסורדער וועלט פֿון קאַפֿקאַ, אין דעם לאַבירינט פֿון געזעצן וואָס ער קען ניט פֿאַרשטיין.

אין דער פּיעסע איז אויך פֿאַראַן הומאָר. די פּאַרשוינען פֿון האַמלעט בײַטן זיך אַ מאָל אויף אַ קאָמישן אופֿן. רעדנדיק אין חלום, פֿאַרדרייט זשעראַר די באַרימטע ציטאַטן פֿון שעקספּיר און מאַכט מיט זיי חנעוודיקע[7] ווערטערשפּילן.

ס'איז דאָ אויך אַ שטאַרקע השפּעה[8] פֿון דאָקטער פֿרויד – אַ סך פֿון די חלומות האָבן אַ סעקסועלן כאַראַקטער. דער זשאַנדאַרם וואָס קומט אַרעסטירן זשעראַרן איז אַ יונגע פֿרוי און דער ריכטער, וואָס איז דווקא אַ מאַן, טראָגט אַ קורץ קליידל (מע זעט זײַנע האָריקע פּיס) און זעצט זיך אויף זשעראַרס שויס. בײַם סוף ווערט אַלץ פֿאַרמישט און די העלדן ווייסן אַליין ניט, אין וועמענס חלום זיי געפֿינען זיך.



**פיער אַרדיטי**
**דער הויפּט־אַקטיאָר פֿון דער פּיעסע**

אָבער הינטער די שפּאַסן און די ווערטערשפּילן ליגט אַן אמתער געוויסן[9]־פּראָבלעם. אַזוי ווי האַמלעט, דאַרף זשעראַר זיך נוקם זײַן[10] פֿאַר זײַן אומגעבראַכטן טאַטן. אַזוי ווי האַמלעט, זעט זשעראַר דעם טאַטנס גײַסט, וואָס פֿאָדערט נקמה[11], און ער פֿילט זיך שולדיק צוליב זײַן אָפּהענטיקייט[12].

די טעמעס פֿון שולד און פֿאַרגעסן שפּיגלען זיך אָפּ אין זײַנע חלומות. אין איין חלום איז ער אַ ייִנגעלע וואָס געפֿינט זיך אָן פּאַפּירן אין אַ מין קיינעמסלאַנד[13] ווו ער מוז אויסקלײַבן צווישן אָנדענק און פֿאַרגעסעניש. עס ציט אים צו צום שיינעם לאַנד פֿון פֿאַרגעסעניש, אָבער מע לאָזט דאָרטן נישט אַרײַן קיין „זין פֿון טאַטעס אָן אַ היימלאַנד און אָן פּאַפּירן.“ ער האָט נישט קיין ברירה[14], ער מוז גיין צום גרענעץ פֿון אָנדענק. איבערן טויער שטייט אָנגעשריבן דאַנטעס ציטאַט „ווער עס גייט דאָ אַרײַן פֿאַרלירט יעדע האָפֿענונג“. אין אַן אַנדער חלום קלעטערט ער איבער אַ משופּעדיקער[15] גאַס. אויף זײַן זײַט איז דער הימל בלוי, די זון שײַנט און אַלע קראָמען זײַנען אָפֿן. אויף דער אַנדערער זײַט גייט אָן אַ מלחמה. מענטשן שרײַען, מע זאָל זיי ראַטעווען. צווישן זיי געפֿינט זיך זשעראַרס טאַטע. זשעראַר וואָלט געדאַרפֿט צוגיין צו דעם טאַטן און אים אַריבערפֿירן אויף דער גוטער זײַט. אָבער ער האָט זײַן טאַטן קיין מאָל ניט געזען – ווי אַזוי קען ער אים דערקענען ? מאַכט ער זיך ניט וויסנדיק[16] און גייט ווײַטער. אין זײַן שלאָף חזרט זשעראַר איבער[17] „מע דאַרף באַהאַלטן פֿאַר דער מענטשהייט איר אוממענטשלעכקייט, אַניט וואָלט מען נישט געקענט לעבן“.

די פּיעסע ענדיקט זיך מיט אַ קינדערשן געבוירן־טאָג־ליד פֿאַרן טאַטן וואָס איז ניטאָ און מיט די ווערטער „איך חלום אַז איך פֿאַרגעס אַלץ“.

1. EFSHER KHOLEMEN «Rêver peut-être» de Jean-Claude Grumberg ; 2. MEKHABER auteur/author ; 3. mis en scène/staged ; 4. HARGET tue/kills ; 5. MISHPETN juger/put on trial ; 6. criminel/criminal ; 7. KHEYNEVDIK savoureux/clever ; 8. HASHPOE influence ; 9. conscience ; 10. ... NOYKEM ... se venger/avenge ; 11. NEKOME vengeance/revenge ; 12. impuissance/helplessness ; 13. no man's land ; 14. BREYRE choix/choice ; 15. MESHUPEDIKER en pente/steep ; 16. il fait semblant de ne rien voir/he pretends he doesn't notice ; 17. KHAZERT ... il repète/he repeats.

# ייִדישטור אין אוקראַיִנע

אינעם טעם־טעם נומ׳ 18 האָבן מיר אָפּגעדרוקט אַ בריוו וועגן אַ רײַזע „אויף ייִדישע שפּורן“ אין אוקראַיִנע, געפֿירט פֿון פּראָפֿ׳ דובֿ נוי. דער זעלביקער ייִדישטור וועט פֿאָרקומען נאָך אַ מאָל דאָס יאָר (ס׳וועט שוין זײַן דאָס דריטע מאָל) פֿון 12טן ביז 19טן יולי. פֿאַראינטערעסירטע גיבן מיר דאָ אָן דעם אַדרעס, ווּ מע קען זיך ווענדן נאָך אַלע אינפֿאָרמאַציעס :

World Council for Yiddish Culture
30, Dov Hoz St., P.O.B. 11676
Tel Aviv 61116 ISRAEL
tel. 972-3-5227058
fax. 972-3-5230520

# אַ וואָרט אונדזערע לייענערס

אין אָט דער צײַט פֿון יאָר, ווען אַלע הייבן אָן צו טראַכטן וועגן די זומער־וואַקאַציעס, איז גאָר פּאַסיק אַז מיר, די רעדאַקציע, זאָלן אויך טראַכטן וועגן דער צוקונפֿט פֿון אונדזער צײַטשריפֿט. ערשטנס : מיר וואָלטן שטאַרק געוואָלט וויסן אײַער מיינונג וועגן אונדזער בלעטל. דערפֿאַר האָבן מיר צוגעגרייט אַ קליינעם פֿרעגבויגן[1], וואָס איר וועט געפֿינען בײַגעלייגט[2] אין דעם נומער. מיר בעטן, איר זאָלט נעמען אַ פּאָר מינוט אים אויסצופֿילן און אונדז צו שיקן. צווייטנס : מיר זײַנען אַ קליינע גרופּע וואָס זוכט שטענדיק נײַע אידעעס און נײַע כּוחות[3]. אויב אירווילט אָנטיילנעמען אין אונדזער אַרבעט, לאָזט אונדז הערן... איר קענט אונדז אויך צושיקן אײַערע שאַפֿונגען – אַרטיקלען, לידער, שפּילן, בילדער... אַלץ וואָס מע קען ניצן וועט מען פּרוּוון דרוקן.

דער דאָזיקער נומער איז אַ גאָר קולטורעלער - וועגן קינאָ, טעאַטער... און אַפֿילו מיט אַ שפּיל וואָס האָט צו טאָן מיט מוזיק.

זײַט געזונט, האָט אײַך אַ גוטן זומער... אם־ירצה־השם[4] זעט מען זיך אין אָקטאָבער.

1. questionnaire ; 2. joint/enclosed ; 3. KOYKhES forces, effectifs/strength, i.e. co-workers ; 4. IM YIRTSE HAShEM/MIRTSEShEM/MIRTShEM Si Dieu le veut/God willing.



# אַ ספּעציאַליסט פֿאַרן „בית־דין[1]“



לעצטנס איז אַרויס אַ נײַער פֿילם, *אַ ספּעציאַליסט*, אויף דער טעמע פֿונעם אײַכמאַן־פּראָצעס, וואָס איז פֿאָרגעקומען 1961 אין ירושלים. די רעזשיסאָרן זײַנען דער ישׂראלדיקער אייל סיון[2] און דער פֿראַנצויז ראָני בראַומאַן. דער פֿילם איז באַזירט נאָר אויף אָריגינעלע קלאַנג־ און בילד־רעקאָרדירונגען פֿונעם פּראָצעס, אָן קיין שום נאַראַטאָר. נישט געקוקט אויף דעם, טאָר מען אים נישט אָננעמען פֿאַר אַ היסטאָרישן דאָקומענט, נאָר פֿאַר אַ סאָציאַל־קריטישן אויסטײַטש[3] פֿונעם אופֿן[4] ווי אַזוי דער פּראָצעס איז געפֿירט געוואָרן. דער אויסטײַטש ווערט געגעבן אין אַ קינסטלערישער פֿאָרעם, דורך דעם פֿילמטעכנישן שפּילן זיך מיט די אָריגינאַל־בילדער. דער רעזולטאַט איז אַן אינסצעניזירונג[5] פֿון דער דעמאָלטיקער רעאַליטעט. מע גייט אַרויס דער עיקר מיט צוויי אימאַזשן : דעם באַאַמטן־פּנים[6] פֿון אַ חיה[7] (אײַכמאַן) און דעם אַדוואָקאַטן־פּרצוף[8] פֿון אַ יעגער[9] (האַוזנער, דער ישׂראלדיקער קטיגור[10]). אַ פֿילם אַ קריטישער וואָס ס׳איז כּדאַי צו זען – קריטיש.



1. BEYS-DIN tribunal rabbinique/rabbinic court, *ici/here :* tribunal ; 2. Eyal Sivan ; 3. interprétation ; 4. OYFN manière/way ; 5. mise-en-scène/staging ; 6. ...PONEM tête de fonctionnaire/face of a «civil servant» ; 7. KhAYE animal ; 8. ...-PARTSEF gueule d’avocat/lawyers (ugly) face ; 9. chasseur/hunter ; 10. KATEYGER procureur/prosecutor.

# באַהאַלטענע ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ק | ר | ע | ט | א | ע | ט | פּ |
| ו | ל | א | ד | א | נ | י | ו |
| ל | ט | א | נ | צ | נ | י | י |
| ד | ד | א | ר | ע | א | מ | ק |
| י | ח | ו | א | נ | ט | ו | י |
| פֿ | ז | נ | ק | ט | ע | ר | ז |
| ע | נ | ע | נ | י | ב | ט | ו |
| כ | ל | י | ז | מ | ר | י | מ |

דאָ געפֿינען זיך 18 באַהאַלטענע ווערטער, אַלע אויף דער טעמע פֿון מוזיק און ספּעקטאַקל. איר דאַרפֿט זיי זוכן אין אַלע ריכטונגען : האָריזאָנטאַל, ווערטיקאַל און דיאַגאָנאַל, פֿון רעכטס צו לינקס, פֿון לינקס צו רעכטס, פֿון אויבן אַראָפּ און פֿון אונטן אַרויף, און אַזוי ווײַטער. אַן אות מעג מען ניצן מער ווי איין מאָל. ווען איר וועט געפֿינען אַלע ווערטער, וועלן בלײַבן פֿינף איבעריקע קעסטלעך, וואָס וועלן געבן אַ סורפּריז : אַ נאָמען פֿון אַ מאַן, וואָס איז ניט קיין ייִד און ניט קיין מוזיקער, נאָר אַ שרײַבער, אַ פּאָליטיקער אין זײַן צײַט און אַ גרויסער פּאָעט אויף אייביק.

## די באַהאַלטענע ווערטער :

ענטפֿער אינעם קומענדיקן נומער

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| כלי־זמרים[1] | טעאַטער | טענאָר | פויק[3] | קינאָ | ראָק |
| קלאַרנעט | מוזיק | ריקוד[2] | נאָטע | קול[4] | ראָד |
| טרומייט | טאַנצן | פֿידל | בינע | חזן[5] | חי[6] |

1. KLEZMORIM ; 2. RIKED une danse hassidique/Hasidic dance ; 3. tambour/drum ; 4. KOL voix/voice ; 5. KhAZN chantre/cantor ; 6. KhAI דאָס 18טע וואָרט מיינט לעבעדיק אויף העברעיִש און האָט אויך דעם נומערישן ווערט 18 !

## ענטפֿער אויפֿן קעסטלשפּיל

### פֿון נומער 19



אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט :




## תּיקון־טעות[1]

אַן אויפֿמערקזאַמער[2] לייענער (אַ תּלמיד פֿון די ייִדישקורסן) האָט באַמערקט אַ טעות אינעם לעצטן נומער, און דווקא אויף דער ערשטער זײַט ! אין דער פֿוסנאָטע נומ׳ 15 האָבן מיר ריכטיק פֿאַרטײַטשט דאָס וואָרט „תּנכיש“ (biblique) , נאָר „תּנך“[3] איז נישט Pentateuque ווי מיר האָבן געזאָגט, נאָר אַוודאי די גאַנצע Bible (Ancien Testament), כאָטש דער ייִדישער תּנך און די קריסטלעכע ביבל זענען נישט אידענטיש אין זייער אײַנאָרדענונג און אינהאַלט. לאָמיר זײַן קלאָר : תּנך איז ראשי־תּיבֿות[4] פֿאַר „תּורה“ (אָדער חומש[5], די ערשטע פֿינף ספֿרים[6], טאַקע דער Pentateuque), „נבֿיאים“[7] און „כּתובֿים“[8].

מיר שלאָגן זיך על־חטא[9] און דאַנקן דעם חבֿר וואָס האָט באַמערקט דעם גרײַז.

1. TIKN-TOES errata ; 2. attentif/careful ; 3. TANAKh ; 4. ROSHE-TEYVES abréviation/abbreviation ; 5. KhUMESh ; 6. SFORIM Livres/Books ; 7. NEVIIM Les Prophètes/Prophets ; 8. KSUVIM Hagiographes/Hagiographa ; 9. ... AL-KhET nous faisons notre mea-culpa/we beg pardon for our sins.

מעדעם־ביבליאָטעק

Bibliothèque Medem
52, rue René-Boulanger
75010 Paris
e-mail : medem@club-internet.fr

AEDCY

Der Yidisher Tamtam
B.P. 3256
75122 Paris CEDEX 03
Tel./fax : 01 42 71 30 07